NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13336

DER TSVEYFISIKER

Carl Ewald

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וויסנשאפטלאכע קינדער-ביבליאטעק.

קארל עוואלד.

דער צוויפיסיקער

איבערגעזעצט פון ז. גראסמאן.

פארלאג
„קולטור-ליגע"
ביאליסטאק.

№ 22

1921.

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

דרוקעריי מישאנדזניק ביאליסטאק, ליפאווע 25

13/3324

קאַרל עוואַלד.

דר. י. א. מעריסאָן

דער צווייפיסיקער

איבערגעזעצט פון ז. גראָסמאַן.

פאַרלאַג
„קולטור־ליגע"
ביאַליסטאָק.

№ 22

1921.

צענטראַלע יידישע ביבליאָטעק
און פרעסע אַרכיוו

ביאליס-
טאקער
ראיאן
קולטור
ליגע

דער צווייפיסיקער.

אַ סך, אַ סך יאָרן זיינען שוין אַריבער זייט דער צווייפיסיקער איז געוואָרן דער הערשער איבער אַלע לעבעדיקע באַשעפעניש פון דער ערד.

די, וועלכע האָבן אים געקענט ברענגען נוצן און זיינען גענויגט געווען אים צו פאָלגן, האָט ער פארהיימישט.

אָבער די חיות, וועלכע האָבן פאר אים ניט געטויגט, האָט ער צורו געלאָזן, מיט דעם תנאי, אז זיי זאָלן אים ניט ברענגען קיין שאָדן. ווען זיי האָבן ארויסגעוויזן אַ חשק אים צו שטערן, האָט ער זיי דערקלערט אַ מילחמה און ער האָט זיך ניט באַרואיקט, ביז ער האָט זיי געמאַכט פולשטענדיק אומשעדלאך פאר זיך.

און דאָס האָט זיך אים שטענדיק איינגעגעבן,

ווײַל ער איז דאָך געװען דער קליגסטער פון זײ אלע־
מען און ממילא אױך דער שטאַרקסטער.

די פאַרהײמישטע חיות האָבן זיך ביסלאַכװײַז
אַזױ צוגעװױנט צו אים, אַז זײ האָבן אין גאַנצן פאַר־
לאָרן די מעלות, װעלכע זײ האָבן געהאַט, בשעת זײ
זײַנען געװען פרײַ. סוף כּל סוף זײַנען זײ געקומען
צו אַזאַ מדרגה, אַז זײ האָבן זיך שױן ניט געקענט
באַגײן אָן זײער פאַרשקלאַפונג. אױב עמיצער פון זײ
איז אַנטלאָפן פון צװײפיסיקן און האָט געפּרובט לעבן
אַזױ װי די איבעריקע פרײַע װילדע חיות, איז עס
אָבער ניט געװען בכּוח אַלײן זיך דורכשלאָגן אין
לעבן און האָט געמוזט אונטערגײן.

די װילדע חיות, װעלכע זײַנען דורך דעם צװײ־
פיסיקן ניט פאַרהײמישט געװאָרן, האָבן זיך פאַרבאָרגן
אין זײערע הײלן און װאָלט געװאָרמלט אין װילדן
אָבער אָנמעכטיקן צאָרן.

אין יענע צײַטן האָט דער צװײפיסיקער זיך
אױסגעפּױט אַ שײנעם און באַקװעמען זומער־געצעלט
אױף אַ גרינעם פעלד בײַם ברעג פון ים.

אײנמאָל אינאָװנט איז ער געזעסן נעבן זײַן
געצעלט. זײַן גאַנצע פאַמיליע איז זיך פרײדלאַך גע־

שלאָפן נאָך דער שווערער טאָג-אַרבעט, די פאַרהײַ-מישע חיות זײַנען געלעגן אויפן גראָז און האָבן מעלה גרה געווען.

דער הונט — אָט דער געטרײַער דינער — האָט זיך אויסגעשפּרײט אויף דער ערד פאַר די פיס פון באַלעבאָס און יעדן מאָל, ווען ס'האָט זיך פון ערגעץ דערהערט אַ מינדסטער גערויש, האָט ער אָנגעשטעלט די אויערן און האָט געהאָרכט. מיט איין אויג איז ער געשלאָפן און מיטן אַנדערן האָט ער געהיט.

דער צווײפיסיקער גופא איז ניט געשלאָפן. ער איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן און האָט זיך ניט גענויטיקט אין אַ סך שלאָף. חוצדעם איז ער ניט געווען אַזוי פאַרמאַטערט ווי אַמאָל, ווײַל ער האָט שוין געהאַט אַ סך קינדער און אײניקלאַך און זײ האָבן שוין אָפּגעטאָן די גרעסטע טייל אַרבעט. ער האָט ליב געהאַט צו זיצן און קלערן וועגן זײַנע איבערלעבענישן און וועגן דעם, וואָס עס וואַרט אויף אים אין דער צוקונפט.

זיצנדיק אַזוי האָט ער געהערט עפּעס אַ מאָדנע גערויש, אַזוי ווי אַ סך קולות וואָלטן צווישן זיך גערעדט. די קולות האָבן זיך געהערט פון דעם [illegible]

קוואַל, פון שורשנדיקן בוים, זיי האָבן זיך אויך גע־הערט אין דעם שעפּטשען פון אָוונטווינטל, וועלכער האָט איבער דעם צוויי־פיסיקן געוויים מיט אַ דער־פרישנדיקער קילקייט.

— דער צוויי־פיסיקער — איז דער הערשער איבער דער ערד... דער קליגסטער, דער שטאַרקסטער, — האָט אים אין אויער דער קוואַל געמורמלט.

— צוויי־פיסיקער, דו האָסט באַצוואונגען דעם לייב... דו וואַרפסט אַ אימה איבער די ווילדע חיות, ביסט אַ באַשיצער פון די שטוב־חיות,—האָט דער בוים גערוישט.

— דעם צוויי־פיסיקן געהערט אַלץ... קיינער קען זיך ניט אים אַנטקעגנשטעלן... — האָט דער אָוונטווינטל געזונגען.

און דער צוויי־פיסיקער איז געזעסן און האָט צוגעהערט. אַזעלכע רייד פלעגט ער זייער ליב האָבן צו הערן.

דער ווינט האָט שטאַרקער אָנגעהויבן צו בלאָזן, און האָט געטרייסלט דעם געצעלט. דאָס שטילע שור־שען פון די בלעטער איז שוין ניט אַזוי אַנגענעם געווען פאַרן אויער, ווי פריער. די כוואַליעס פון

טײַכל האָבן שוין ניט אַזוי צאַרט און שטיל געמורמלט, באַר זײ האָבן געראַשט און האָבן דעם צװײפיסיקן מיט פּערלדיקע טראָפּנס און װײַסן שוים באַשפּריצט.

— װאָס איז דאָס אַזױנס? — האָט דער צװײפיסיקער אַ זאָג געטאָן. אים איז גאָר קאַלט געװאָרן און ער האָט זיך געמוזט אײַנװיקלען אין אַ טוך.

— װער װײס? — האָט מיט אַ פֿראַגע געענטפֿערט דער בוים.

— װער איז בכוח צו טרעפֿן דאָס פֿאַרבאָרגענע? — האָט געזאָגט דער טײַכל.

— צװישן הימל און ערד קומט פֿאָר אַזױנס, װעגן װאָס דער צװײפיסיקער האָט נאָך קײן שום באַגריף ניט, — האָט אַ זאָג געטאָן דער װינטל.

דער צװײפיסיקער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן עלנבויגן אָן געצעלט און האָט שטאָלץ אַ בליק געטאָן אַרום זיך.

— ס׳מאַכט ניט אױס, — האָט ער געזאָגט — אויב איך האָב בײַגעקומען דעם לײב, כ׳האָב געצװאונגען דעם אָקס און דעם פֿערד צו זײַן מײַנע באַדינער, װעל איך די איבעריקע אויך קענען בײַקומען.

װי נאָר ער האָט אַרויס גערעדט די דאָזיקע

ווערטער האָט זיך אויפגעהויבן אַ געוואַלדיקער שטור-רים-ווינט.

דער ווינט האָט זיך צעשפּילט מיט אַזאַ גבורה, אַז ער האָט דעם צווייפיסיקן אומגעוואָרפן אויף דער ערד און אַרײַנגעקײַקלט אין וואַסער, האָט זיך האַסטיק אַ לאָז געטאָן צום געצעלט און האָט אַראָפּגעשלײַדערט דרײַ גרויסע הירשן־פעל. די מענטשן, וואָס זײַנען גע-שלאָפן אין געצעלט האָבן זיך מיט שרעק אויפגעכאַפּט און מיט פאַרוואונדערטע בליקן זיך אַרומגעקוקט, ניט פאַרשטייענדיק, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען. דער הונט האָט יאָמערלאַך געבילט. דער צווייפיסיקער אַליין איז קוים אַרויסגעקראָכן פון טײַך, נאַס, ווי אַ האָן. ער האָט זיך געוואָלט אויפהויבן, האָט זיך מיט באַנײַטע כוחות אויף אים דער ווינט אַרויפגעוואָרפן און האָט אים אָפּגעשלײַדערט ווײַט פון טײַך. דער צווייפיסיקער איז אויף אַלע פיר צוגעקראָכן צום אָרט, וואו ס׳איז געשטאַנען זײַן געצעלט — אַ שוידערלאַך בילד האָט ער דערזען: דער גאַנצער געצעלט איז געווען צע-וואָרפן, די מענטשן זײַנען געלאָפן, געטריבענע פון ווינט, זײַנען געפאַלן, און זייערע קולות האָבן אַ אימה אַרויפגעוואָרפן, נאָר קיינער איז זיי ניט געקומען

צו הילף, ווייל יעדער איז געווען פארנומען מיט זיך, צו ראטעווען זיין אייגן לעבן. די קי, ציגן און שעפסן האבן זיך געדרייט אין אומארדענונג און געשריען מיט אימהדיקע קולות.

די פערד, משוגע ווערנדיק פון שרעק, האבן זיך מיטן גאנצן כח געטראגן איבערן לאנקע, ביז זיי זיינען פארמאטערטע אנידערגעפאלן אויף דער ערד, ווייט פון זייערע פריערדיקע וואוינונגען.

דער מעכטיקער בוים, וואס איז געשטאנען נעבן געצעלט, איז געלעגן א צעבראכענער און זיינע דיקע, פארצווייגטע ווארצלען האבן אויפן גרינעם גראז ווי שווארצע שלאנגען אויסגעזען.

דער שטורים האט געבושעוועט א גאנצע נאכט.

פארטאג איז דער צווייפיסיקער טרויעריק גע־זעסן איבער די חורבות פון זיין אמאליקער וואוינונג. ער האט געהייסן דיינע זין, זיי זאלן אויפקלייבן די בהמות און צוריק אויפשטעלן דעם געצעלט.

ער אליין איז געזעסן איינגעוויקלט אין זיין מאנטל. אומבאוועגלאך איז ער געזעסן און האט מיט א דורכדרינגענדיקן בליק געקוקט אין רוים.

— אך דו, פארברעכערישער ווינט, — האט ער

אויסגעשריען און האט זיך פארמאסטן מיטן פויסט אין דער ריכטונג, פון וואנען דער ווינט האט געבלאזן — היינט ביינאכט האסטו צעשטערט מיין גאנצע האב און גוטס און האסט נאך מיך מיט מיינע נאענטע געוואלט דערהרגענען. אט שטעלן מיר פון דאסניי אויף א געצעלט, נאר מיט וואס בין איך זיכער אז מארגן וועט זיך דיר ניט ווידער פארוועלן אפצוטאן דעם זעלביקן קונץ.

— יא, ס'קען זיין,— האט געענטפערט דער ווינט.

— דו ביסט א שלעכטער!

— איך בין ניט קיין שלעכטער,—האט געזאגט דער ווינט.

— ווילסט אפשר איך זאל דיך האלטן פאר א גוטן, נאכדעם, ווי דו האסט זיך אזוי שלעכט מיט מיר באגאנגען? — האט דער צוויי־פיסיקער אויסגעשריען.

— איך בין ניט קיין גוטער, — האט זיך דערהערט אן ענטפער.

— הייסט עס, דו ביסט ניט קיין גוטער און ניט קיין שלעכטער?

— גאנץ ריכטיק, אזוי איז עס טאקע.

— איך בין נאך אין דעם ניט זיכער. אבער

וואָס איז די פּעולה, וואָס איך האָב באַצוואונגען דעם לייב, פאַרהיימישט דעם אָקס און דעם פערד, געמאַכט אונטערטעניק צו זיך דעם העלפאַנט און דעם קעמל — ווען אַ נישטיקער ווינט וועט קענען צונישט מאַכן מיין גאַנצע מי און אַרבעט, וועט קענען חרוב מאַכן מיין גאַנץ אייגנס, וואָס איך האָב דערוואָרבן אין משך פון אַזוי פיל לאַנגע, שווערע יאָרן? אפשר קענסטו מיר זאָגן, ווי אַזוי באַצווינגט מען דיך און צו וואָס באַנוצט מען דיך?

— איך וועל דיר גאָרניט זאָגן,—האָט דער ווינט געענטפערט. — כאַפּ מיך, באַצווינג מיך און באַנוץ זיך מיט מיר!

דער ווינט האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבערן פעלד, מיטשלעפנדיק אַ גרויסע הירשן-פעל, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד; ער האָט זי אויסגעשפּרייט, זיך געלאָזן מיט איר הויך אין דערלופטן און האָט זי איבערגעטראָגן ווייט-ווייט איבערן וואַסער. דער צווייפיסיקער איז געזעסן און האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעקוקט צו דער רייזע פון פעל, ביז זי איז פאַרשוואונדן געוואָרן פון זיינע אויגן.

זיין עלטסטער זון איז צו אים צוגעגאַנגען און

האָט געזאָגט:

— מיר קענען מער ניט פאַרבלייבן דאָ. דער שטורעם האָט צעשטערט די תבואה און גראָז. אונזערע בהמות האָבן ניט וואָס צו עסן. איך בין אויפן פערד אַרומגעריטן אַ גרויסן שטח אַרום דעם אָרט און דאָרטן איז אויך דערזעלביקער חורבן ווי דאָ. איך שטעל זיך מיר ניט פאָר, וואָס וועלן מיר איצט טאָן.

דער צווייפיסיקער האָט נאָך אַלץ געקוקט אין דער זייט, וואו דער ווינט האָט פאַרטראָגן די הירשן־פעל. דאָרטן, אין דער בלויער ווייטקייט איז געלעגן אַ פּרעכטיקער פליין.

— אויף יענער זייט טייך זיינען דאָ גוטע פּאַשע־פּלעצער, — האָט דער צווייפיסיקער געזאָגט.

— וואָס האָבן מיר דערפון? — האָט דער זון געזאָגט, — דאָס וואַסער איז טיף און דער שטראָם איז האַסטיק. מיר וועלן זיך קיינמאָל ניט קענען איבערקלייבן אַהין.

— פון וועלכער זייט בלאָזט דער ווינט?

— ער בלאָזט אין דער ריכטונג צום טייך. ווי, דו מיינסט, אַז ער וועט אונז איבערטראָגן אַהין?

— יאָ, איך וועל צווינגען דעם ווינט צו דינען

אונז.

ער האָט צונויפגערופן אַלע מיטגלידער פון דער פאַמיליע און האָט זיי געהייסן איבעררייסן די אַרבעט, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן. ער האָט זיי געהייסן אויסהאַקן אין וואַלד בוימער, פאַרטיק מאַכן ברעטער, ברענגען זיי אויפן ברעג און זיי אויפבינדן אין אַ גרויסער טראַטווע. דערנאָך האָט ער געהייסן די מענער אויפקשטעלן אַ הויכן מאַסטבוים. אין דערוועלביקער צייט האָבן די פרויען געניייט זעגלען.

די זעגל־טראַטווע איז פאַרטיק געוואָרן. מאַמענטאַל איז זי אויפגעבלאָזן געוואָרן פון ווינט, נאָר זי האָט זיך נים גערירט פון אָרט, ווייל זי איז געווען פעסט צוגעבונדן צום ברעג. דער צויבערער האָט פאַראָרדנט, אַז די גאַנצע פאַמיליע און די שטוב חיות זאָלן אַרויפגיין אויף דער טראַטווע. ווען אַלע זיינען שוין געווען אויף דער טראַטווע האָט מען זי אָפּגעבונדן פון ברעג. זי האָט זיך שנעל אַ לאָז געטאָן איבערן וואַסער.

אינאָמענט זיינען די מענטשן לעבעדיקע און מונטערע צוגעשוואומען צום גרינעם ברעג. איינער פון דעם צויבערער זיך האָט זיך פון דעם טאָג אָן

אָפּגעגעבן צו פאַרפולקומען די טראַטווע און מאַכן זי פאַר אַ באַקוועמערן פאַרקער-מיטל. ער האָט זי איבער־געמאַכט, פאַרבעסערט, האָט אויסגעקלערט נײַע מיטלען ווי אַזוי אויסצוטײלן דעם זעגל, האָט אויסגעפונען אַ נײַעם רודער. פון פאָרנט האָט ער די טראַטווע געמאַכט שפּיציק, כּדי זי זאָל גיכער קענען דורכשנײַדן דאָס וואַסער. ביסלאַכווײַז האָט ער זיך דערוועגט אַרויס־צופאָרן אויפן אָפענעם ים; ער פלעגט פאַנגען פיש און זיך אומקערן אַ היים אַן אומבאַשעדיקטער. דער צווייפיסיקער איז געזעסן און האָט געטראַכט:—איך האָב אָבער פאָרט באַצוואונגען דעם ליבן ווינט! נישקשה, ס'וועט נאָך קומען אַ צײַט, ווען ער וועט מיך באַדינען ניט ערגער ווי דער אָקס און דער פערד.

דער ווינט האָט לײַכט געגלעט די גראָזן און האָט זיך אָפּגערופן: — פון מײַנטוועגן זאָל זײַן אַזוי! איך טו וואָס איך דאַרף! פאַנג מיך, באַצווינג מיך און באַנוץ זיך מיט מיר!

דער צווייפיסיקער האָט באַטראַכט ווי די פרויען האָבן צעריבן די קערנער צווישן צוויי פלאַכע שטײנער. שוין מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט ער אויס־געלערנט די פרויען צו מאָלן קערנער מיט דער הילף

פון צוויי שטיינער. מיט יאָרן שפּעטער איז אים איינ־
געפאַלן אַ רעיון צווינגען דעם אָקס, ער זאָל העלפן
ביי דער דאָזיקער אַרבעט. ער האָט צו איין שטיין
צוגעמאַכט אַ פּלעקל, איינגעשפּאַנט דעם אָקס און
געטריבן אים אין קרייז כדי צו באַוועגן דעם שטיין.
צו יענער צייט האָט ער זיך זייער גרויס געהאַלטן,
ער איז זייער שטאָלץ געווען מיט זיין אויפקלער.

איצט איז דער אָקס געדולדיק געגאַנגען אין
קרייז. פּלוצלונג איז אָנגעקומען דעם צוויי־פיסיקנס זון
און האָט געפרעגט די פרויען, אפשר קענען זיי אָפּ־
וואַרטן מיטן מאָלן: ער מוז האָבן אַלע אָקסן אין פעלד
צו דער אַרבעט. די פרויען האָבן געענטפערט, אַז
דאָס איז אוממיגלאַך: זיי האָבן קיין ברויט ניט און
מ'מוז פאַרענדיקן דאָס מאָלן. דער צוויי־פיסיקער האָט
זיי געלאָזט זיך אָמפערן. ער איז אָפּגעזעסן ביז אָוונט
אומבאַוועגלאַך, פאַרזונקען אין מחשבות.

— וועגן וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרקלערט?—האָט
אים געפרעגט דער ווינט, צאַרט גלעטנדיק זיין שטערן.

— אויסגעצייכנט!—האָט דער צוויי־פיסיקער אויס־
געשריען און איז אויפגעשפּרונגען. ער האָט אויס־
געזען, ווי עס וואָלט אין אים פּלוצלונג אַ גוטער רעיון

אויפגעבליצט. דער פלאַן איז פאַרטיק. איך האָב דיך אײַנגעשפּאַנט אין טראַטווע און דו האָסט מיך און מײַנע באַנטע איבערגעפירט אויף דעם בליענדיקן אינזל. פאַרוואָס זשע זאָלסטו ניט באַוועגן מײַנע מיל-שטײַנער?

— כאַפּ מיך אויבּ דו קענסט!

אויף מאָרגן האָט זיך דער צווײַפיסיקער גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט געמאַכט אַ גרויסן, הויכן פּאָסטאַמענט. אויבן, אויפן שפּיץ, זײַנען געווען צוגע-פּעסטיקט פיר פליגלען, וועלכע זײַנען געווען אַרויפ-געטאָן אויף אַן אַקס. אונטן אויף דער ערד, זײַנען געלעגן די מיל-שטײַנער.

מיט דער הילף פון שטריק און שטעקנס איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַרבינדונג צווישן די פליגלען און די שטײַנער, אַזוי, אַז בשעת דער ווינט האָט באַוועגט די פליגלען, וועלכע זײַנען געווען באַצויגן מיט חיות-פעל, האָבן זיך די שטײַנער פלינק געדרייט און די תבואה האָט זיך אויסגעצייכנט געמאָלט. די שטוב לײַט זײַנען געשטאַנען פאַרוואונדערטע און האָבן זיך צוגע-קוקט צום אויסטערלישן קונץ.

— וואַרט, מיר זײַנען נאָך ניט פאַרטיק! —האָט דער צווײַפיסיקער דערקלערט.

ער האט איינגעאָרדנט די פליגלען אַזוי, אַז מ׳זאָל זיי צו יעדער צייט קענען איבערדרייען אין אַלע זייטן, כּדי צו אויפכאַפּן דעם ווינט, אויב ער וועט בלאָזן פון אַן אַנדער זייט.

— איצט וועלן מיר קוקן און שווייגן.

מ׳האט אַוועק געלאָזן די מיל. דער ווינט האָט אויפגעבלאָזן די פעל, די פליגלען האָבן זיך שנעל געדרייט. פון אויבן האט מען געשאָטן קערנער און פון צווישן די שטיינער האט זיך געשאָטן ווייסע מעל. ס׳איז געווען אַ נחת צו קוקן.

— אָט האָב איך דיר ווידער געפּאַקט, מיין ליבער ווינטעלע, — האט פרייליך אויסגעשריען דער צוויי־פיסיקער.

— מאָרגן וועל איך קומען פון אַן אַנדער זייט!

— כ׳האָב דאָס גענומען אין אַכט. כ׳וועל צו דיר קיין טענות ניט האָבן.

ביינאַכט האט דער צוויי־פיסיקער אומגעדרייט די פליגלען אין דער אַנטקעגנדיקער ריכטונג. און אויף מאָרגן, ווען דער ווינט האט געבלאָזן פון דער צווייטער זייט, האט ער נעבאַך געמוזט דרייען די מיל־שטיינער אַזוי גוט ווי נעכטן.

— מאָרגן וועל איך אינגאַנצן ניט קומען, — האָט דער ווינט געמאָלדן.

—נו, דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלאַך. דו דאַרפסט זיך אויך אָפּרוען. מיט וואָס ביסטו ערגער פון מײַנעד אַן אַרבעטס-בהמה, ווי דער אָקס, דער פערד אָדער דער אייזל? אָבער אין דער רגע, ווען מ'וועט דיר הייסן, זועסטו מוזן זיך שטעלן צו דער אַרבעט.

— וואָס הייסט דאָס: „מ'וועט מיר הייסן"? ווער וועט זיך דאָס דערוועגן צו טאָן?

— איך ווייס ניט, פאָרלויפיק ווייס איך נאָך ניט ווער. איך קלער שוין וועגן דעם און איך וועל זיך סוף כל סוף דערוויסן. נאָר איינס איז פאַר מיר קלאָר, אַז דו ביסט אָפּהייניגיק פון דער זון.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? — האָט מיט פאַר-וואונדערונג אויסגעשריען דער ווינט.

— איך האָב עס באַמערקט. יעדן מאָל ווען ס'קומט פאָר אַ ענדערונג אין וועטער: ס'ווערט קעל-טער אָדער וואַרימער — בײַטסטו דײַן ריכטונג.

— אַהאַ, ביסט דאָך גאָר אַ גרויסער חכם! פונ-דעסטוועגן וואָלסטו זיך געמעגט ווינטשן, אַז דיר זאָל צוקומען וואָס דיר פעלט נאָך. אמת, דו האָסט מיך

איינגעשפאַנט אין דיין שיף און אין דיין מיל, אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם בין איך ביכולת צו איבער־וואַרפן און חרוב מאַכן דיין מיל מיט דיין שיף מיט הכל־בכל.

יאָ, דאָס קאָנסטו. איך האָב אפילו קיין רעכט ניט צו זיין אין כּעס אויף דיר, דו האָסט דאָך אַליין דערקלערט, אַז דו ביסט ניט קיין גוטער און ניט קיין שלעכטער.

— זייער גוט. איצט וועל איך זיך לייגן אָפּרו־ען אויף א לייענגערער צייט. דיין מיל וועט שטיין ליידיק.

— איך האָב דאָס אויך פאַראויס געזען,—האָט געזאָגט דער צווייפיסיקער,—קום מיט מיר, וועל איך דיר ווייזן.

דער צווייפיסיקער איז אַראָפּ צום טייכל און האָט דעם ווינט געוויזן א נייעם בנין, וועלכן ער האָט ניט לאַנג אויסגעבויט. דאָס איז געווען א מיל אָן פליגלען נאָר מיט א גרויסן ראָד, וועלכן דאָס וואַסער האָט געבראַכט אין באַוועגונג. דער וואַסער־ראָד איז געווען צונויפגעבונדן מיט די מילשטיינער און ווען דאָס וואַסער האָט באַוועגט דעם ראָד, האָבן זיך די

שטיינער געדרייס.

— דאָס איז מײַן וואַסער־מיל, — האָט שטאָלץ אָנגעוויזן דער צווייפּיסיקער.

ער איז אַוועק אין זײַן געצעלט.

דער ווינט האָט זיך אײַנגעלייגט, אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט.

.II

דער צווייפּיסיקער איז געוואָרן אַ גרייז־גראָער זקן. זײַן משפּחה האָט זיך כּסדר פאַרגרעסערט. זײַן וואוינונג איז איצט געווען אויפגעשלאָגן אויף אַ ברייטן, גרוּיסאַרטיקן פּליין. אויף די פעלדער האָבן זיך געשאָקלט פאַרחלומט גאָלדיקע זאַנגען און אין הויכן, געדיכטן גראָז האָבן זיך געפּיטערט גאַנצע טשערעדעס פי. די מענטשן האָבן זיך פאַרטיילט מיט דער אַרבעט: אַנדערע פון זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט ים־רייזעס, אַנדערע האָבן באַאַרבעט די פעלדער און געהיט די טשערעדעס. די פרויען האָבן געפירט די שטוב־באַלע־באַטישקייט, האָבן געשפּונען און געוועבט.

כּמעט אויף יעדן בערגל האָט זיך דערהויבן אַ ווינט־מיל. יעדער פאַרבײַפליסנדיקער טײַכל האָט גע־

בראַכט אין באַוועגונג אַ וואַסער-ראָד פון אַ מיל.

דער צווייפיסיקער גופא האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו אַלע נאַטור-ערשיינונגען און האָט זיך איבער יעדער איינציקער טיפזיניק פאַרטראַכט.

יעדער האָט געקוקט אויף אים מיט גרויס יראת-הכבוד, אַזוי ווי אויף אַ עלטסטן און קליגסטן פון אַלע מענטשן. אַלע פלעגן קומען צו אים נאָך הילף אָדער נאָך אַן עצה.

אינמיטן פליין האָט זיך דערהויבן אַ גרויסער, קאָנוספאָרמיקער באַרג. פון צייט צו צייט פלעגט זיך פון זיין שפיץ אַרויסרייסן אַ זייל רויך. אָפט פלעגט דער צווייפיסיקער באַטראַכטן דעם דאָזיקן באַרג. איינמאָל האָט דער צווייפיסיקער זיך אויפגעהויבן אויפן שפיץ פון באַרג און האָט אַריינגעקוקט אין דער ברייטער עפענונג, פון וואַנען דער רויך פלעגט זיך אַרויסרייסן. נאָר פון די אינגעווייד פון באַרג איז געגאַנגען אַזאַ מוראדיקע היץ, אַז דער צווייפיסיקער איז נים געווען בכוח צו זיין דאָרטן.

דער אַלטער האָט זיך אומגעקערט אהיים. ער

האָט דורכדרינגענדיק געקוקט אויפֿן באַרג און האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ איבער דער שאלה—וואָס איז אייגנטלאַך דאָ אין די טיפֿענישן פֿון אָט דעם מאָדנעם באַרג. ער איז געווען באַקאַנט מיט אַזעלכע בערג, וואָס האָבן אין זייערע טיפֿענישן באַהאַלטן גאָלד, אײַזן און אַנדערע מעטאַלן. ער האָט אויסגעלערנט זײַנע קינדער אָט די דאָזיקע מעטאַלן פֿון דער ערד אַרויס־צובאַקומען, זיי צו שמעלצן און אויסאַרבעטן פֿון זיי פֿאַרשיידענע נוצלאַכע כלים און מכשירים. נאָר אַזאַ באַרג מיט אַ רויכערדיקן שפּיץ איז אים נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זען.

איינמאָל, ווען ער איז אַזוי געזעסן טיף פֿאַרטאָן אין רעיונות, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער הערט עפּעס פֿאַרשיידענע קולות. די מלכותדיקע פּאַלמע איז געשטאַנען מיט איר פּרעכטיקער קרוין און האָט איבער זײַן קאָפּ געשושעט:

— דער צוויי־פֿיסיקער איז מעכטיק און גרויס. ער הערשט איבער דער ערד און איבער אַלץ, וואָס געפֿינט זיך אויף איר...

דער רוישנדיקער טײַך, וועלכער האָט זײַנע שטו־רימדיקע כוואַליעס צום ים געטראָגן, האָט געזונגען:

— דער צווייפיסיקער איז אַלמעכטיק. זיין קראַפט פאַרשפּרייט זיך איבער די וואַסערן.

דער וואַרימער ווינטל האָט ליבלאַך געווייט אים אין פּנים און האָט מילד געראָישט:

— דער צווייפיסיקער האָט מיך אויך באַצוואונגען. ער האָט מיך פאַרוואַנדלט אין זיינעם אַ באַדינער. ער איז קליגער און מעכטיקער פון אַלע. בלאָז איך פון מיזרח אָדער פון מערב פאַנגט ער מיך און באַנוצט זיך מיט מיר...

דער צווייפיסיקער איז געזעסן און געהאַרכט. אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער זיין ענערגישן און פאַרשנדיקן פּנים.

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ מוראדיקער גערויש, פּונקט ווי אַ דונערשלאַג. ס'האָט זיך געדוכט, אַז אָט דער רעש גייט פון אונטער דער ערד, ווייל דער הימל איז געווען וואונדערלאַך לויטער, די זון האָט שיינענדיק אַרויסגעקוקט פון בלויעם הימל. ס'איז געווען נאָך האַלבן טאָג.

— וואָס זאָל דאָס באַטייטן? — האָט דער צוויי-פיסיקער געפרעגט.

— ווער קען וויסן? — האָט מיט אַ פראַגע

געֶענטפערט די מלכותדיקע פאַלמע. איר גאַנצער שלאַנקער שטאַם האָט געציטערט. — וועמען זײַנען באַוואוסט די וואונדערלאַכע סודות פון דער נאַטור?

— ווער קען זאָגן? — האָט געשטורימט דער טײַך און האָט פון שרעק געהויבן זײַנע כוואַליעס.

— ווער האָט וועגן דעם כאָטש אַ קלענסטן באַגריף? — האָט געפײַפט דער ווינט, זיך אויסבויגנדיק, ווי אַ טיגער, וואָס גרייט זיך אַ שפרונג טאָן — ווער איז באַקאַנט מיט די מעכטיקע אינעווייניקסטע כוחות פון דער ערד?

ס'האָט זיך דערהערט אַ נײַער רעש. דער זקן האָט זיך אויפגעהויבן, האָט אַ קוק געגעבן אויפן באַרג. דער זײַל ירויך האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ריזיקער, שוואַרצער כמאַרע; זי איז מיט יעדן אויגנבליק אַלץ געוואַקסן און אַלץ טונקעלער געוואָרן.

אָט האָט די כמאַרע פאַרשטעלט די זון... ס'איז געוואָרן אַ מוראדיקער שטורים אויפן וואַסער און אויף דער יבשה. און איידער דער צווייפיסיקער האָט זיך אַרומגעזען, האָט אַרום אים שוין געהערשט אַ אימהדיקע שוואַרצע פינסטערניש. ווי נאָר די טאָג־ליכטיקייט איז פאַרלאָשן געוואָרן האָט דער צווייפי־

סיקער געזען, ווי עס פאלט עפעס פון הימל, נאר ער האט נים געקענט אונטערשיידן וואס דאס איז. טאפ־דיק איז ער דערקראכן ביז זיין שטאל, האט ארויס־גענומען זיין פערד און האט ארויפגעריטן אויף אים. דער פערד איז געווען טויט דערשראקן און האט זיך מיט א געוואלדיקן אימפעט געטראגן איבערן פעלד. דער צווייפיסיקער האט געהערט הארצרייסנדיקע גע־שרייען און קרעכצן, ער האט דערקענט די שטימען, נאר ער האט זיך אויף א רגע נים אפגעשטעלט. ער האט זיך געיאגט פאראויס מיט א מוראדיקער שנעל־קייט, ביז דער פערד איז אונטער אים געפאלן. דאן האט ער זיך געלאזט לויפן, איז געשטרויכלט געווארן, געפאלן — און האט זיך צוריק אויפגעהויבן. דורך דעם וואיען פון שטורעמווינט און די דונערשלאגן האבן זיך קוים געהערט די אפגעריסענע יללות פון מענטשן.

א שטיין איז אים אין קאפ געפאלן. ער האט געפילט אז איבער זיין האלז רינט בלוט, זיין פוס האט אריינגעטראפן אין עפעס הייסע, ער האט א שרעק־לאכן געשריי געטאן, האט ארויסגעצויגן די פוס און איז געלאפן ווייטער. צום סוף האט ער זיך שוין נים

אָפּגעגעבן קײן דין וחשבון וואוהין ער לויפט און וואָס ער טוט.

. . . .

ווען ער איז געקומען צו זיך, איז ער געלעגן אויף א בערגל נאָך דעם פלײן. ארום אים זײנען געלעגן עטלאַכע מענטשן פון זײן שבט.

זײ זײנען געלעגן שווײַגנדיקע, פאַרצווײפלטע, צוטומלטע, מיט שטאַרע בליקן האָבן זײ זיך ארומגע־קוקט. זײ האָבן שוין ניט געקאָנט װײנען, נאָר זײ האָבן זיך געטרײסלט מיטן גאַנצן קערפּער.

פלוצלונג איז ליכטיק געוואָרן. די ריזיקע כמאַ־רעס זײנען פאַרשוואונדן געוואָרן. די זון איז פאַרגאַנ־גען אין גאָלד און פורפור־רויטקײט.

אויף די ארומיקע בערגלאַך זײנען געזעסן מענטשן, וועלכע האָבן זיך דורך א נס געראַטעוועט. ס׳זײנען אויך געווען עטלאַכע שטוב־חיות. איצט האָט דער צוויפיסיקער באַמערקט, אַז זײן געטרײַער הונט איז געלעגן נעבן אים און אים די הענט געלעקט.

דער גאַנצער קאַנט איז געווען באַגראָבן אונטער אַ קאָכעדיקע לאַווע, וועלכע האָט זיך ביסלאַכווײַז פאַר־האַרטעוועט און זיך באַדעקט מיט אַ דינער הײַטל.

אַלע הײַזער און מילן זײַנען געװען חרוב ומחורב. די מענטשן האָבן געפונען זײערע קברים אונטער דעם ים פון דער ברענענדיקער לאַװע. דאָס שײנע, פרוכט־באַרע לאַנד האָט איצט אױסגעזען װי א פוסטער מדבר. נאָר דער קאָנוספאַרמיקער באַרג האָט זיך גרױסאַרטיק איבערן פלײן דערהױבן.

דעם צװײפּיסיקנס קרובים האָבן גענומען אױפ־קלײַבן דאָס, װאָס איז נאָך פאַרבליבן פון חורבן. מיט האַרצרײַסנדיקע געשרײען האָבן די מענטשן גענומען אױפקלײַבן דאָס איבערגעבליבענע פון זײער האָב און גוטס און האָבן זיך געלאָזט גײן פון דעם אָרט, װאָס איז געװען זײער הײם. די פרױען האָבן אױף די הענט געטראָגן זײערע געראַטעװעטע קינדער און האָבן ביטער באַװײנט זײערע טױטע. די פישער האָבן אומ־זיסט זײערע בליקן צום ים געװענדעט, האָפנדיק צו דערזען כאָטש א קלײן אומבאַשעדיקט שיפל.

— קום, פּאַטער, — האָבן זײ זיך געװענדעט צום צװײפּיסיקן, — לאָמיר אַװעקגײן פון אָט דעם פאַר־שאָלטענעם לאַנד. אין דער גרױסער װעלט װעלן מיר געפינען אן אַנדער װינקל, װאו מיר װעלן קענען רואיק און רויִער לעבן און װאו ס׳װעט זיך אונז אײַנגעבן

צו פאַרריכטן דאָס, וואָס ס'איז צעשטערט געוואָרן,

— גייט אײַך, — האָט ער געזאָגט — איך וועל שפּעטער קומען.

זיי זײַנען אַוועק.

ער איז געזעסן און האָט די אויגן ניט געקענט אָפּרײַסן פון דעם שרעקלאַכן באַרג, וואָס האָט אויף זיי אַזאַ אומגליק געבראַכט.

ס'איז געווען אַ וואונדערלאַך שיינע נאַכט.

ער איז געזעסן אײַנזאַם, פאַרטראַכט. פון צײַט צו צײַט האָט דער ווינט צו אים פאַרטראָגן לײַכטע שטראָמען פון דאַמף.

— ווער איז דער שולדיקער? ווער איז ער? — האָט געמורמלט דער צווייפיסיקער.

— איך, — האָט געענטפערט דער דאַמף.

— דו? ווער ביסטו? דו דערטראָגסט זיך צו מיר ווי אַ טוי. פון וואַנען האָסטו אַזאַ וואונדערלאַכע קראַפט? ווער ביסטו? פון וואַנען?

— איך בין דאַמף. איך קום פון אָט דעם באַרג, וואו איך בין געווען פאַרשפּאַרט, ביז איך בין געוואָרן שרעקלאַך אויפגערעגט און איך האָב אָנגעהויבן צו שטורימען, ווײַל איך האָב געוואָלט זיך באַפרײַען

סוף כל סוף האָב איך זיך טאַקע אַרויסגעריסן און האָב חרוב געמאַכט דעם גאַנצן געגנט. איך האָב מײַן זאַך אָפּגעטאָן און זיך באַרואיקט און איצט זעסטו מיך פאַר זיך אַזוי ווי איך בין.

— ביסט אַ שלעכטער, אַ רשע!

— איך בין ניט קײַן שלעכטער.

— וואָס דען, אַ גוטער ביסטו? דו האָסט חרוב געמאַכט מײַן רײַך לאַנד, האָסט געהרגעט אַלע מײַנע קינדער און אייניקלאַך און אַ גרויסע טייל פון מײַנע בהמות. דאָס בעסטע און שענסטע, וואָס איך האָב נאָך לאַנגע יאָרן פון מי דערפונדן, כדי מאַכן דאָס לעבן בעסער און גליקלאַכער, — דאָס אַלץ איז דורך דיר אין משך פון אַ פּאָר שעה פולשטענדיק צעשטערט געוואָרן. האָב איך דיך דען מיט עפּעס באַליידיקט?

— איך בין ניט קײַן גוטער.

— אַהאַ, דו ביסט ניט קײַן גוטער און ניט קײַן שלעכטער! מיר דוכט זיך אַז אזא טענה האָב איך שוין אַמאָל געהערט. נו, יאָ, דאָסזעלביקע האָט מיר געזאָגט דער ווינט, נאָכדעם, ווי ער האָט אויף מיר אַן אומגליק געבראַכט.

— זייער ריכטיק. איך בין ניט קײַן גוטער און

שע ביבליאטעק
...ער ארכיוו

ניט קיין שלעכטער. דער ווינט האט זייער גוט געזאגט. דו האסט זיך שוין אין דעם איבערצייגט?

— יא.

— צי דען האסטו ניט איינגענומען דעם ווינט? דו האסט אים געפאנגען און האסט אים איינגעשפאנט אין דיין שיפל און אין דיין מיל. דו האסט זיך באקאנט מיט אלע זיינע ריכטונגען און איינגעשאפטן און האסט זיך אויסגעלערנט צו באנוצן אים. וואס ניט אמת?

— יא דאס איז ריכטיק. איך בין געווארן דער הערשער איבערן ווינט. נאר איך שטעל זיך ניט פאר, ווי אזוי איך זיך באזיגן. דו ביסט דאך נישט אין פארגלייך שטארקער פארן ווינט. און צו וואס קען איך דיך פארווענדן?

— כאפ מיך, באצווינג מיך און באנוץ זיך מיט מיר! איך בין דער שטארקסטער, — האט געזאגט דער דאמף.

— ווער ביסטו — האט זיך דער צוויפיסיקער ווייטער געווענדעט צום דאמף — דערצייל מיר עפעס וועגן זיך.

— איצט בין איך אזא ווי דו זעסט מיך. גיב

אַ קוק אויפן ים וועסטו מיך דאָרטן אויך זען.

— דאָרטן זע איך דיך ניט.

— דו ווייסט דאָס נאָך ניט. גאָר פון אָנהייב בין איך וואַסער.

— וואָס?!

— דאָס וואָס דו הערסט. איך בין דאָס ים-וואַסער וואָס איז אַרייַנגעדרונגען אין אָט דעם באַרג מיט טויזנטער אונטערערדישע וועגן. גאָר דאָרטן אין באַרג ברענט אַ שטענדיקער, ניט אויסלעשנדיקער פייער. ווען דאָס וואַסער פאַראייניקט זיך מיטן פייער ווערט געבילדעט אַ דאַמף. דער דאַמף קלייַבט זיך אָן אינעווייניק, אין די טיפענישן פון באַרג, ביז עס קלעקט פאַר אים קיין אָרט ניט. סוף כּל סוף בילדעט זיך אַזאַ מאַסע דאַמף, אַז ער האָט שוין ניט וווּ זיך אַהינצוטאָן. דאַן רייַסט ער אויף דעם באַרג און ס'הייבן זיך אַרויס פון באַרג לאַווע קאָכעדיקע וואַסער און הייסער דאַמף. אויב מ'מאַטערט מיך אָדער מ'דריקט מיך, בין איך בכּוח צו אויפרייַסן אַלץ. ס'איז ניטאָ אויף דער וועלט אַזאַ וואַנט אָדער אַ טיר, וואָס זאָל מיך קענען אָפּהאַלטן... פאַרשטייסט?

דער צווייפיסיקער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן

קאָפּ.

— דו האָסט באַמערקט, אַז יעדן טאָג גייט אַרויס פון באַרג אַ זייל רויך? — האָט ווייטער גע־רעדט דער דאַמף — דאָרטן איז דאָ אַ קליינע עפּע־נונג דורך וועלכע אַ טייל פון מיר גייט אַרויס. נאָר סוף כּל סוף ווערט דער אַרויסגאַנג צו קליין... און דאַן רייס איך אויף אַלץ אַרום מיר. דעריבער וואָלט איך דיר ניט געראַטן צו באַזעצן זיך אין שכנות מיט אַ פייערשפּייענדיקן באַרג, ווייל דאָרט קענסטו קיינמאָל ניט זיין זיכער מיטן לעבן.

— פאַר מיר איז גאָך ווייניק, אַז איך וועל זיין זיכער, איך וויל הערשן איבער דיר. דו ביסט די גרעס־טע נאַטור־קראַפט, וואָס איך קען. און דו מוזט ווערן מיין באַדינער אַזוי ווי דער אָקס, דער פערד און דער ווינט.

— כאַפּ מיך און באַניץ זיך מיט מיר, אויב דו קענסט.

— גוט איך וועל פּראָבירן. נאָר פריער זאָג מיר אין וואָס ווערסטו פאַרוואַנדלט, אַז דו שווימסט אַרום אין דער לופט.

— איך ווער אָפּגעקילט און דאַן ווער איך

פארזאַנדלט אין וואַסער—אין רעגן, טוי.

— און דאַן פאַלסטו אַרײַן אין ים? און נאָכדעם דרינגסטו אַרײַן אין באַרג, וואו ס'געפינט זיך דאָס אײַביקע פײַער און דו ווערסט ווײַטער דאַמף — אַזוי האַנדלסטו אומאויפהערלאַך פון אײן צושטאַנד אין צווײטן?

— יאָ, אַזוי איז עס.

דער דאַמף האָט זיך פלוצלונג אַ הויב געטאָן אין דער לופטן און האָט זיך אָנגעהויבן צו דרײען איבערן חרוב געוואָרענעם אָרט, דער נאָך איז ער פארשוואונדן געוואָרן.

דער צווײפיסיקער האָט אים נאָכגעקוקט, דער־נאָך האָט ער געווענדט זײַן בליק איבער דעם רויכער־דיקן באַרג.

אַזוי איז ער אפגעקועסן אַ גאַנצע נאַכט. פאַר־טאָג האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק.......

דער צווײפיסיקער מיט זײַן פאַמיליע האָבן שוין געפונען אַ נײַעם וואוין־אָרט. זײ האָבן פון דאָסנײַ אויסגעבויט הײַזער, צעאַקערט די פעלדער און אויס־געהאָדעוועט בהמות. די פישער האָבן זיך אויפגעבויט נײַע שיפלאַך.

אַלע, חוץ דעם צווייפּיסיקן האָבן שוין פאַרגעסן וועגן אומגליק ביי דעם פייערשפּייענדיקן באַרג. נאָר דער צווייפּיסיקער אַליין האָט נישט אויפגעהערט צו קלערן. ער האָט אָבער ניט געקלערט וועגן דער געשעעניש גופא. די פאַרלוסט פון זיינע נאָענטע האָט אים ניט אַנגערירט זייער טיף, ווייל ער האָט איצט שוין געהאַט אַזויפיל קרובים און פריינד, אַז ער האָט זיי אַלעמען אפילו ניט געקענט. זיינע רעיונות זיינען געווען פאַרנומען אויסשליסלאַך מיטן דאַמף.

זעענדיק, ווי דער ווינט דרייט. די פליגלען פון מיל אָדער פאַרלייכטערט די רייזע פון שיף, האָט ער איראָניש געשמייכלט. אים האָט זיך געדוכט, אַז עס באַוועגט זיך אַלץ זייער פּאַמעלאַך. חוצדעם, קענען די שיפן ניט גיין בעת אַ שטורים-ווינט. ביי אַ שטאַרקן אנטקעגנדיקן ווינט מוז די שיף אָפּגיין פון איר ריכ-טונג. און בעת אַ שטילשטאַנד בלייבט אַלץ שטיין.

— זיי זיך מודה, אַז דו ביסט אַ נעבעכדיקער מיטהעלפער, מיין ליבער ווינט, — האָט געזאָגט דער צווייפּיסיקער. — זעסטו, דער דאַמף — דאָס איז שוין אַן אנדער ענין!

דער צווייפּיסיקער האָט זיך דערמאָנט, וואָס

דער דאַמף האָט אים געזאָגט, אַז ער בילדעט זיך דורך אַ פאַראייניקונג פון וואַסער מיט פייער. ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם ווי דער דאַמף האָט מאָמענטאַל פאַרלאָשן די זון און האָט טאָג אין נאַכט פאַרוואַנדלט... ווי ער האָט אין אַ משך פון צוויי שעה געמאַכט אַ תל פון אַ בליענדיק פרוכטבאַר לאַנד. און אַלץ איז פאָרגעקומען מיט אַזאַ וואונדערלאַכער שנעל-קייט און געוואַלדיקן כּוח. דער דאַמף איז אָן קיין שום ספק די מעכטיקסטע נאַטור-קראַפט!

דער צווייפיסיקער האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם קעסעלע, וואָס איז געשטאַנען אויף דער פליטע. ווי נאָר דאָס וואַסער וואַרימט זיך אָן, הויבט זיך אויף אַ דאַמף. ער האָט גענומען אַ שטיקל גלאָז און האָט עס געהאַלטן איבער דעם דאַמף. דער דאַמף האָט זיך טראָפּנסווייז אָפּגעזעצט אויף דער גלאָז.

— דאָס איז אמת, אַז דער דאַמף פאַרוואַנדלט זיך צוריק אין וואַסער, — האָט פאַר זיך אַ זאָג געטאָן דער צווייפיסיקער.

ער האָט געזען, אַז דעם קעסעלע האָט מען פאַרדעקט מיט אַ דעקל, כּדי די וואַרימקייט זאָל זיך בעסער אויפהאַלטן. מ'האָט דאָס פייער אויפגעבלאָזן;

אינגיכן האָט דער דעקל אָנגעהויבן צו אונטערשפרינגען.

— איצט איז אים געוואָרן ענג דאָרטן אינעווי־ניק, נו, פונקט, ווי זײַן ברודער אין פײַערשפײַענדיקן באַרג.

מ'האָט אויפן דעקל אַרויפגעלייגט אַ שטיין, כדי צו אײַנהאַלטן אים. מ'האָט צוגעלייגט מער האָלץ און דער דאַמף האָט זיך אַלץ געריסן פון קעסל. לסוף האָט ער אַראָפגעוואָרפן דעם שטיין מיטן דעקל.

— איצט קומט פאַר אַן אויסברוך פון דאַמף,

— האָט פרײַלאַך אויסגעשריען דער צווייפיסיקער.

ער האָט אויסגעבויט אַ שטוב מיט אַ גרויסן קעסל און אַן אויוועלע, אונטערן קעסל האָט ער אונ־טערגעהאַלטן אַ שטענדיקן פײַער, אויספּרובנדיק דעם כּוח פון דאַמף און ווילנדיק זיך דערוויסן די פּראַק־טישע נוצן פון זײַן פאַרוועגדונג.

מיט אים איז געווען אַן אײנציקער געהילף, איינער פון זײַנע אייניקלאַך, מיט וועמען ער פלעגט זיך שטענדיק מיישב זײַן.

אָפט פלעגן זיי ביידע אָפּזיצן בײַ דער אַרבעט ביז האַלבע נאַכט. די אַרבעט איז ערשטנס באַשטאַנען אין דעם, אַז מ'האָט געמוזט צווינגען דעם דאַמף אַר־

בעטן נאר אין אַ באַשטימטער ריכטונג. קײנער האָט זײ ניט געשטערט אין דער אַרבעט, װײַל אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער צװײפּיסיקער טוט זײער אַ װיכטיקע אַרבעט לטובת דעם גאַנצן שבט. אַנדערע פון זײ האָבן געגלױבט, אַז דעם צװײפּיסיקן װעט זיך סוף כּל סוף אײַנגעבן צו באַצװינגען דעם דאַמף. דאָס רוב האָט אָבער געטראַכט, אַז אים װעט זיך דאָס קײנמאָל ניט אײַנגעבן. זײ איז בכלל געװען עפּעס מאָדנע אױפן האַרצן בײַ דעם געדאַנק, אַז דער צװײפּיסיקער האָט צו טאָן מיט די סודותפולע און מעכטיקע כּוחות פון דער נאַטור.

אַלנספאַל האָבן זײ שטאַרק אױסגעמיטן דעם צװײפּיסיקנס הױז, װײַל זײ האָבן אױסגעצײכנט געװאוסט, אַז ס'שטײט אים פאַר אַ סכּנה. די מענטשן, װאָס האָבן איבערגעלעבט די געשעעניש בײַם קאָנוספּאַרמיקן באַרג זײַנען שױן לאַנג געװען אױף דער אמתער װעלט, באַר זײערע אוראײניקלאַך האָבן שױן געװאוסט װעגן דעם אומגליק, װאָס איז אַמאָל געשען צוליב דעם דאַמף. אָבער דער צװײפּיסיקער האָט ניט געטראַכט װעגן זײ און זײערע מײנונגען.

פון צײַט צו צײַט פלעגן צו אים קומען די

עלטסטע פון שבט מיט באַריכטן וועגן אַלע וויכטיקע —אומעטיקע אָדער פריילאַכע—ענינים פון זייער שבט־לעבן. ער פלעגט צעשטרייט אויסהערן זייערע באַריכטן, שאָקלען מיטן קאָפּ און פלעגט בעטן ביי זיי, אַז זיי זאָלן אים לאָזן צורו און ניט שטערן אים אין דער אַרבעט.

ס׳פלעגט טרעפן, אַז צו אים פלעגט קומען אַ יונגער בחור, אַ שיינענדיקער פון שימחה, וואָס איז האָט זיך איינגעגעבן צו מאַכן אַ נייע אַנטדעקונג.

נאָר דער צווייפיסיקער פלעגט אים קוים אויס־הערן. ער האָט געוואוסט, אַז זיינע אייגענע רעיונות און אַנטדעקונגען זיינען אַ סך וויכטיקער און ברייטער און האָט מיט ברענענדיקער אומגעדולד געוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען זיינע טרוימען וועלן פאַרווירקלאַכט ווערן.

ער האָט געמאַכט נייע קעסלען פון פאַרשיידענע פאָרמען און גרעסערע ווי פריער. די נייע קעסלען האָבן געקאָנט אַריינעמען אין זיך אַ סך מער וואַסער און ממילא אויך מער דאַמף.

זיינע קינדער האָט ער געהייסן אויסגראָבן פון די בערג שטיינקוילן כדי אונטערהאַלטן דאָס פייער, ווייל ער האָט באַמערקט, אַז שטיינקוילן גיט מער היץ

און פאַרהאַנדלט גיכער אין דאַמף. ער האָט לאַנג גע־אַרבעט און האָט געהאָפט אַז ער קומט שוין נאָענטער צום ציל.

אין איין שיינעם טאָג האָט דער קעסל געפּלאַצט. דער צווייפיסיקער איז פאַרוואונדעט געוואָרן און זיין געהילף איז געטויט געוואָרן אויפן אָרט.

אַלע זיינען זיך אויפגעלאָפן, האָבן געוויינט.

נאָר דער צווייפיסיקער האָט אָפּגעווישט דאָס בלוט פון זיין שטערן און האָט לאַנג און דורכדרינגג־דיק באַטראַכט דעם אויפגעריסענעם קעסל. דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעקוקט, האָט באַמערקט דעם טויטן קערפּער.

— אומגליקלאַכער! — האָט ער אויסגעשריען

— ער האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט דערלעבן זען די גרויסע אַנטדעקונג. נאָר, צום גרויס באַדויערן, האָט זיך דאָס אים ניט איינגעגעבן. ער איז אָבער גע־שטאָרבן מיט אַ העלדן־טויט, ווייל ביז דער לעצטער מינוט האָט ער געאַרבעט פאַר דאָס גליק פון זיינע ברידער. זייט אים מקבר און שטעלט אויף זיין קבר אַ בכבודיקן דיינקמאָל.

מ'האָט אויפגעהויבן דעם קערפּער און געוואָלט

אים אַוועקטראָגן, נאָר דער צווייפיסיקער האָט זיי אָפּגעהאַלטן, זאָגנדיק:

— וואַרט אַ רגע... איך דאַרף אַ געהילף אָנ־שטאָט דעם פאַרשטאָרבענעם. אפשר וויל עמיצער פון אייך פאַרבלייבן ביי מיר? פאַר אייך איז קלאָר וואָס פאַר אַ שווערקייטן עס שטייען אייך פאָר... מיגלאַך, אַז דער טויט וועט איבערהאַקן די לאַנג דערוואַרטע האָפענונגען, דאָס אָפּלאַכן מצד נאַרישע מענטשן...

ס'האָבן זיך אָפּגערופן זיבן. אמת, זיי האָבן זיך זייער געשראָקן, אָבער ס'האָט זיי צוגעצויגן די סודות־דיקייט און די געפערלאַכקייט פון דעם ענין; חוצדעם איז צו יענער צייט שוין געווען פאַררעכנט פאַר אַ גרויסן כבוד צו זיין דעם צווייפיסיקנס געהילף.

ער האָט אויסגעקליבן איינעם פון די זיבן, האָט אים גענומען צו זיך אין שטוב און האָט אים אויסגע־זאָגט אַלע סודות.

*   *

*

ס'זיינען אַוועק אַ סך יאָרן. איינמאָל האָבן די

מענטשן דערזען דעם צוויפיסיקן שטייענדיק נעבן זיין שטוב. ער האט געמאכט מיט די הענט און גערופן אלעמען צו זיך. פון אלע זייטן האבן זיך מענטשן צו אים צונויפגעלאפן.

— איך האב געפונען! איך האב זיך דערוואוסט!

ער האט איינגעלאדן צו זיך די עלטסטע און האט זיי געוויזן א גרויסן צילינדערפארמיקן קעסל, וואס ער האט אליין געמאכט. דער צילינדער איז געווען א פוסטער. אין אויבערשטן דעק איז געווען א לעכל, וואס האט פאראייניקט דעם קעסל מיט נאך איינעם. אין דעם ערשטן קעסל איז געווען אן אייזערנע קאלבע, וואס האט זיך געקענט דרייען אהין און צוריק. אונטערן צילינדער איז געווען א גרויסער געווינלאכער קעסל מיט וואסער, וואס איז געשטאנען אויף א פליטע.

מ׳האט אונטערגעלייגט פייער. דאס וואסער איז פארוואנדלט געווארן אין דאמף. דער דאמף האט זיך א לאז געטאן אין צילינדער און האט אויפגעהויבן די אייזערנע קאלבע. דורך דער לעכל איז דער דאמף אריינגעדרונגען אין צווייטן צילינדער, וואו ער איז אפגעקילט געווארן און איז פארוואנדלט געווארן צוריק

אין וואַסער. עס איז אַראָפּגערונען צוריק אין אונ־טערשטן קעסל און מיט דער קראַפט פון דאַמף האָט זיך די אײַזערנע קאָלבע ווידער אויפגעהויבן און אַזוי ווײַטער אָן אַ סוף.

— קוקט זיך אײַן, — האָט געזאָגט דער צוויי־פּיסיקער און זײַנע אויגן האָבן געלויכטן מיט שטאָלץ און גליק — זעט, איך האָב געפאַנגען דעם דאַמף און האָב אים פאַרשלאָסן אין צילינדער. ער דערפילט אַלץ, וואָס איך באַפעל אים. ווי איר זעט, האָב איך שוין אויך דעם דאַמף באַצוואונגען, ער איז געוואָרן מײַנער אַ באַדינער, ווי דער פערד און דער אָקס.

— יאָ, אָבער מיר קענען בשום אופן ניט פאַר־שטיין, צו וואָס טויג דיר אַזאַ דינער! כ׳לעבן, ניט כּדאַי געווען אָפּצוזיצן אַזוי פיל יאָרן איינזאַם ווי אַ פּרוש.

— גייט אײַך געזונטערהייט, — האָט געזאָגט דער צווייפּיסיקער — און קומט אין אַ יאָר אַרום; דאַן וועט איר שוין זען צו וואָס איך קען באַנוצן מײַן נײַעם דינער. איך פאַרזיכער אײַך, אַז אָט דער באַ־דינער, וועט זײַן ביכולת צו אומבײַטן דעם אויסזען פון דער וועלט.

ער איז געגאנגען אהיים און האט פארמאכט זײַן צימער. פול מיט האפענונגען האט ער געקוקט אויף זײַן נײַער מאשין.

— אהא, מײַן ליבער דאמף, — האט ער גע־זאגט, — ביסט פארט ארײַנגעפאלן צו מיר! אויב איך וויל, מוזטו בלײַבן אין צילינדער אוןווארטן אויף מײַנע פארארדענונגען. איך קען מאכן א גרויסן אדער א קלײנעם צילינדער, די קאלבע א גרינגע אדער א שווערע. דו מוזט אים ברײַנגען אין באוועגונג.

— איצט רופסטו מיך שוין גוטער, — האט זיך אפגערופן דער דאמף — מיר דוכט, אז בשעת איך האב אויפגעריסן דעם קאנוספארמיקן בארג, האסטו עפעס אנדערש גערעדט. איך האב דיר שוין געזאגט, אז איך בין ניט קײַן גוטער און ניט קײַן שלעכטער. דו האסט מיך געפאנגען, איז גוט. אויב דו קענסט זיך מיט מיר באנוצן, באנוץ זיך מיט מיר.

דער צוויפיסיקער האט געלאכט און האט זיך געריבן די הענט מיט גרויס צופריזנהײַט.

— באמת, צו וואס קען איך דיך פארווענדן? אײַנשפאנען דיך אין וואגן אנשטאט א פערד? מיר דוכט, אז דו וואלסט געלאפן א שײַן ביסל גיכער.

ווילסט אפשר טרייבן שיפן? איך מיין, אז דו וואָלסט געקענט לויפן אויך אַנטקעגן ווינט. ווי איז, ווען מ׳הייסט דיר, אַ שטייגער, דרייען אַ מיל-שטיין? אָט זעסטו, ס׳זעט זיך פאָראויס פאַר דיר אַ שיין ביסל אַרבעט!

ער האָט פאַרלאָשן דאָס פייער. ער האָט אומאויפהערלאַך געאַרבעט איבער דער פאַרפולקומונג פון זיין מאַשין. צו דער קאָלבע האָט צוגעמאַכט-אַ העבעל, צו אים האָט ער צוגעמאַכט נאָך איינעם, וועלכער האָט זיך צוגעפּעסטיקט צו דעם אַקס פון די רעדער. ער האָט געמאַכט אַ וואָגן, אויף אים אַרויפגעשטעלט די דאַמף-מאַשין און האָט פאַראייניקט דעם העבעל מיט די רעדער. מ׳האָט אויפגעלייגט פייער. דורך אַ באַזונדער צוגעמאַכטער רורע איז דער דאַמף צוגעגאַנגען צו די רעדער. מיט דעם כּוח פון דאַמף האָבן זיך די רעדער באַוועגט און דער וואָגן האָט זיך גערוקט פאָראויס. פון אַלע זייטן זיינען זיך צונויפגעלאָפן מענטשן און האָבן מיט פאַרוואונדערונג באַטראַכט דעם משונהדיקן וואָגן. אַ סך פון זיי האָבן זיך דערשראָקן און זיינען שרייענדיק אוועקגעלאָפן פון דער געפערלאַכער חיה. נאָר איינציקע האָבן פאַרשטאַנען די גרויסע

וויכטיקײט פון דער ערפינדונג.

— פּאָטער, — האָט צו אים אײנער פון די זקנים געזאָגט — דו טאָרסט ניט פאָרן אויף דעם וואָגן, כ'האָב מורא, אַז דו וועסט האָבן אַ שלעכטן סוף. געדיינק, וואָס איז געוואָרן מיט דײַן געהילף.

— יאָ, איך געדײנק. זײַן טויט האָט מיך טאַקע אויסגעלערנט אָנצונעמען פּאָרזיכטיקײט-מיטלען. קומט, איך וועל אײַך ווײַזן.

און ער האָט זײ דערקלערט, אַז וואָס מער דאַמף דער קעסל האָט אין זיך געקענט ארײַננעמען, אַלץ גרינגער הויבט זיך אויף די קאָלבע און זי לאָזט זיך אראָפּ, און ממילא דרײען זיך שוין גיכער די רעדער און ס'באַוועגט זיך דער וואָגן. וואָס שטאַרקער דער קעסל און דער צילינדער איז, אַלץ מער דאַמף קען ער אין זיך אײַנהאַלטן, אַלץ קלענער איז די סכנה פאַר אַן אויפרײַס. אויף אײן זײַט פון קעסל, איז גע־מאַכט געוואָרן אַ לעכל, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט אַ קלאַפּ-דעקל. דער קלאַפּ-דעקל איז געווען פון אַ באַשטימטער שווערקײַט, כדי דער דאַמף זאָל אים ניט קענען אויפהויבן, ווען אין צילינדער איז דאָ אַזוי־פיל דאַמף, וויפיל עס איז נויטיק. ווי נאָר אין צילינדער

קלײַבט זיך אָן צופיל דאַמף, דאַן װערט דער קלאַפּ־דעקל אױפגעהױבן און דער איבעריקער דאַמף גײט אַרױס, אַזױ אַז ס׳איז שױן ניטאָ װאָס צו רעדן װעגן אַן אױפרײַס.

— איך גיב אײַך די דאַמף־מאַשין. קוקט זיך אױפמערקזאַם צו, װי מ׳דאַרף זיך מיט איר באַגײן. זאָלן קומען די שמידן מיט זײערע אינסטרומענטן און זאָלן זײ פּראָבירן צו פּאַרפולקומען די אײַנריכטונג פון דער מאַשין.

און ער איז אַװעק.

די קליגסטע מענטשן האָבן זיך גענומען אַרבעטן איבער דער מאַשין און איר צו פאַרפולקומען.

איבער דער ערד האָבן זײ אױסגעלײגט אײַזער־נע רעלסן, איבער װעלכע דער לאָקאָמאָטיװ איז גע־לאָפן מיט אַ געװאַלדיקער שנעלקײט און האָט נאָך זיך געשלעפּט אַ סך שװער אָנגעלאָדענע װאַגאָנעס.

אין אַ משך פון אַ פּאָר טעג האָט מען געמאַכט אַזעלכע נסיעות, װאָס װאָלטן פריער געדױערט גאַנצע װאָכן אָדער חדשים. די פּראָדוקטן פון אײן לאַנד האָט מען אַזױ אַרום לײַכט און שנעל געקענט איבערפירן אין עק װעלט.

די דאַמף מאַשין האָט מען אַוועקגעשטעלט אויף דער שיף, כדי זי זאָל באַוועגן די רעדער. די שיף איז געגאַנגען מיטן ווינט און קעגן ווינט. מ'האָט אויך די מאַשין פאַרווענדט צום דרעשן און מאָלן תבואות און... ס'איז ניט מיגלאַך אויסצורעכענען צו וועלכע אַרבעט מ'האָט זי נאָך פאַרווענדט.

די דאַמף-מאַשין האָט אומגעביטן דעם אויסזען פון דער וועלט, ווי דער צווייפיסיקער האָט פאָראויס-געזען.

[illegible]

[illegible]

1. [illegible]
2. [illegible]
3. [illegible]
4. [illegible]
5. [illegible]
6. [illegible]
7. [illegible] פּ. אירגאַרדיס.
8. [illegible]
9. דער [illegible] אין דער [illegible]
10. [illegible] אויף
שפּאַניען ר. קיפּלינג.
11. [illegible] ז. זשאַבאָטינסקי.
12. [illegible] י. נאַיאַגרידסקי.
13. [illegible] דער ערשטער
[illegible] ר. קיפּלינג.
14. די [illegible] י. נאַיאַגרידסקי.
15. די [illegible] ק. עיארד.
16. דער [illegible] אין דער [illegible]
17. דער [illegible]
18. [illegible]
19. [illegible] י. נאַיאַגרידסקי
20. די [illegible] פֿון אַמעריקע | טייל
21. " || טייל
י. נאַיאַגרידסקי.